**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/15/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

## גאווערנער האָקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע פארצוזעצן ווייטער אנטשלאסנקייט צו צוגענגליכע באנקירונג אין ניו יארק סטעיט

### *לעגיסלאציע (S.9348/A.8292) פאראָרדענט דעם דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס אויסצופירן שטודיע אויף אָווערדרעפט אפצאל*

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.9348/A.8292) צו פאראָרדענען דעם סופעראינטענדענט פונ'ם דעם דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס אויסצופירן א שטודיע אויף באנק אָווערדרעפט אפצאל אין ניו יארק סטעיט. דער באריכט וועט אינפארמירן די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן איבער-די-מאָס פינאנץ אפצאלן און העלפן נידעריגע-איינקונפט ניו יארקער באקומען צוגענגליכע באנקירונג אפציעס וועלכע באשיצן און מאכן וואקסן שווער-פארדינטע געשפארטע געלטער.

"אזוי ווי ניו יארקער ערהוילן זיך פון די עקאנאמישע ווייטאגן פון דער פאנדעמיע, איז קריטיש-וויכטיג אז מיר טוען אלצדינג וואס מעגליך צו העכערן צוטריט צו צוגענגליכע באנקירונג סערוויסעס," **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** "די לעגיסלאציע וועט העלפן פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער האט צוטריט צו נידעריגע-קאסט באנקירונג סערוויסעס צו פארוואלטן און זיך שאפן זייערע געברויכן, אפגעזען וואו זיי וואוינען."

**סופעראינטענדענט פון פינאנציעלע סערוויסעס עדריענע עי. העריס האט געזאגט,** "איך לויב גאווערנער האָקול און דער לעגיסלאטור פאר'ן דורכפירן די לעגיסלאציע און פארזעצן ניו יארק'ס אנטשלאסנקייט צו מאכן צוגענגליכע באנקירונג פראדוקטן און סערוויסעס פאראן צו אונטערסערווירטע קאמיוניטיס, אריינגערעכנט נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע פערזאנען, אימיגראנטן, און מענטשן פון קאליר. DFS וועט ווייטער נעמען אלע מעגליכע שריטן צו בויען א יושר'דיגע און דורכזעעדיגע פינאנציעלע סיסטעם פאר אלע ניו יארקער."

דער געזעץ פאראָרדענט DFS דורכצופירן א שטודיע אויף אָווערדרעפט אפצאל אין ניו יארק סטעיט און אונטערזוכן:

- די סך הכל סומע פון אָווערדרעפט קנסות געצאלט אין ניו יארק.
- געאגראפישע פארשפרייטונג פון אזעלכע אפצאל קאסטן.
- צי סיי וועלכע קאמיוניטיס האבן הויכע ראטעס פון אָווערדרעפט קנסות און די מעגליכע סיבה פאר אזעלכע הויכע ראטעס.
- דער פראצענט פון אָווערדרעפט אפצאל רעדוצירט דורך דירעקטע אדער אומדירעקטע פארהאנדלונגען.
- וויאזוי אינסטיטוציעס לאזן וויסן קאָנסומער רעכטן פארבינדן מיט אפצאל פארהאנדלונגען.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סענדערס דזשוניאר האט געזאגט,** ״אָווערדרעפט קנסות קאסטן ניו יארקער מיליאנען דאלארען א יאר. נידעריגע איינקונפט איינוואוינער מוטשען זיך שוין אן עצה צו געבן. די לעגיסלאציע וועט אונז העלפן פארשטיין די ווירקליכע תוצאות פון אָווערדרעפט אפצאל כדי אז מיר זאלן קענען געפונען וועגן צו אדרעסירן דעם פראבלעם.״

**אסעמבלי-מיטגליד פעטרישע פעהי האט געזאגט,** ״צופיל ניו יארקער, איבערהויפט אזעלכע מיט נידעריגע איינקונפט און אזעלכע פון שוואכערע-אומשטענדן קאמיוניטיס, ראנגלען זיך מיט באפאלערישע אָווערדרעפט אפצאל וועלכע זענען שטרויכלונגען צו פערזענליכע פינאנציעלע סטאביליטעט. אמעריקאנער האבן געצאלט א מאסיווע סומע פון 15.5 ביליאן דאלער סה״כ אין אָווערדרעפט אפצאל און קאסטן אליין אין דעם יאר 2019. דורך פאראָרדענען דעם דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס צו שטודירן אָווערדרעפט אפצאלן און זייערע תוצאות אויף ניו יארקער, האבן מיר א קלארערע געדאנק פון וויאזוי אמבעסטן צו לינדערן די שטייגנדע פינאנציעלע עול אויף ניו יארקער און זייערע פינאנציעלע ענינים. א דאנק אייך גאווערנער קעטי האוקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם וויכטיגן ביל אלס געזעץ און צו דעם דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס פאר די שריט וואס זיי האבן שוין גענומען אויף דער נושא.״

דער דאזיגער געזעץ און די רעזולטירנדע שטודיע און באריכט פון געפינסן וועלן דערגאנצן גאווערנער האוקול׳ס אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו אדרעסירן באַ׳עוולה׳דיגע, באהאלטענע און לאקערנדע אפצאל פירונגען. פריער דעם וואך האט דער גאווערנער פאראָרדענט DFS ארויסצוגעבן אנווייזונגען צו ניו יארק-רעגולירטע באנק, קרעדיט יוניאָנס און אנדערע דעפאזיטארי אינסטאנצן, זיי צו באווארענען אויף צו פארמיידן די פאלגענדע פירונגען:

- אויטאריזירןם פאזיטיוו, שליסן נעגאטיווע טראנסאקציעס: איינמאנען פון קאָנסומערס אן אָווערדרעפט אפצאל טראצדעם וואס דער קאָנסומער האט א פאזיטיווע אקאונט באלאנס גענוג אויף צו דעקן די טראנזאקציע ווען עס איז געווען אויטאריזירט דורך דער אינסטיטוציע.
- טאפלטע קנסות אלס רעזולטאט פון דורכגעפאלענע אָווערדרעפט אפהיטונג טראנספערס: רעכענען פון קאָנסומערס א שטראף-אפצאל פאר ״אָווערדרעפט באשיצונג״ טראנספער פון א קאָנסומער׳ס אנדערע אקאונט וואס האט נישט א גענוגע סומע צו פארמיידן אן אָווערדרעפט, וועלכס פירט צום קאָנסומער ווערן גערעכנט סיי אן אָווערדרעפט שטראף-אפצאל ווי אויך אן אפצאל פאר די ״אָווערדרעפט באשיצונג״ טראנספער.
- פארשטייער אפצאל: רעכענען א קאָנסומער מער ווי איין NSF קנס פאר דער זעלבער צוריקגעוויזענער טראנזאקציע, אן קלאר מודיע זיין, וואו דער סוחר גיבט אריין דער זעלבער טראנזאקציע צו דעם באנק אויף א צווייטן אדער א טריטן פרואוו צו איינקאסירן געלטער.

די היינטיגע ביל אונטערשרייבונג קומט אויך נאך די אפריל אנווייזונגען וועלכע מוטיגן סטעיט-רעגולירטע באנקן אנצובאטן ׳באנקירט ווייטער׳ באשטעטיגטע אקאונטס אויף צו ערפילן דער סטעיט׳ס צוגענגליכע באנקירונג פאדערונגען. ׳בענק-אָן׳ אדער ׳באנקירט ווייטער׳ אקאונטס שאפן אפ אָווערדרעפט אפצאל און זענען קריטיש-וויכטיג אויף צוצוציען יחידים פון אונטערסערווירטע קאמיוניטיס צו דעם באנקינג סיסטעם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418